# באקומט אייער נייע קאוויד-19 בוּסטער און פלוּ שאַט נאך היינט!

פלוּ שאַטס און די נייע קאוויד-19 וואקסין בוּסטער זענען יעצט רעקאמענדירט. פלוּ שאַטס זענען דא צו באקומען פאר מענטשן פון זעקס חודשים און עלטער, און די נייע קאוויד-19 בוּסטער וואס איז געמאכט צו באשיצן פון די נייע אומיקראן סאב-וואריאנטן איז דא צו באקומען פאר מענטשן פון פינף יאר און עלטער. אויב איר האט באקומען אייער לעצטע קאוויד-19 וואקסין דאזע צום ווייניגסטנס צוויי חודשים צוריק, איז יעצט די צייט צו באקומען א בוּסטער.

## צו קען איך באקומען די נייע קאוויד-19 בוּסטער צוזאמען מיט מיין פלוּ שאַט?

יא. איר קענט זיי באקומען אין די זעלבע צייט אדער באזונדער. די וויכטיגסטע זאך איז צו באקומען ביידע וואקסינען ווי שנעלער. קאוויד-19 און די פלוּ וועלן זיך פארשפרייטן אין די זעלבע צייט דעם הערבסט און ווינטער. ביידע שאַטס העלפן פארקלענערן אייערע אויסזיכטן צו דארפן אנקומען צו מעדיצינישע קעיר.



## צו קען איך באקומען די נייע קאוויד-19 בוּסטער אויב איך האב לעצטנס געהאט קאוויד-19?

יא, אבער איר זאלט נעמען אין באטראכט צו ווארטן דריי חודשים נאך איר האט געהאט קאוויד-19. איר וועט מעגליך ווילן אין באטראכט נעמען צו באקומען אייער בוּסטער בעפאר דעם אויב איר אדער א באליבטע אייערס האט גרעסערע אויסזיכטן צו ווערן אויסגעשטעלט אדער צו באקומען שווערע קראנקייט פון קאוויד-19. רעדט מיט אייער דאקטאר אויב איר האט סיי וועלכע פראגן.

אויב איר האט נישט קיין דאקטאר, רופט **311** צו ווערן פארבינדן מיט קעיר. קעיר ווערט צוגעשטעלט אין ניו יארק סיטי אפגעזעהן פון אימיגראציע סטאטוס, אינשורענס אדער מעגליכקייט צו באצאלן.

## וועלכע קאוויד-19 בוּסטער זאל איך באקומען?

איר קענט באקומען די נייע Pfizer בוּסטער (אויב איר זענט פינף יאר אדער עלטער) אדער די נייע Moderna בוּסטער (אויב איר זענט זעקס יאר אדער עלטער), אפגעזעהן פון וועלכע פירמע אייערע פאריגע דאזעס זענען געווען.

באקומט אייער נייע קאוויד-19 בוּסטער און פלוּ שאַט נאך היינט! צו טרעפן א וואקסינאציע פלאץ, באזוכט **nyc.gov/vaccinefinder** אדער רופט 877-829-4692. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/covidvaccine** אדער **nyc.gov/health/flu**.

NYC Health

10.22 Yiddish